STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11463

# IN FELD UN VALD

F. Litvinov

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פ. ליטווינאָוו און ס. ראַכמאַנין.

# אין פעלד און וואַלד

צענטראַלער פעלקער-פאַרלאַג פון פ.ס.ס.ר.
מאָסקווע — כאַרקאָוו — מינסק
1930

מינסק, דרוקעריַי פֿין ווײַסרוסישן מעלוכע-פֿאַרלאַג

גלאַוליטבעל 2072. באַשט. 443. טיראַזש 5000.

# אַ לופֿט-שלאָס.

אין סאַזשלקע, ניט ווײַט פֿון ברעג, האָט געבליט אַ ווײַסע ליליע. אַרום זײַנען געשווומען אירע גרויסע בלעטער, קײַלעכ-דיקע, ווי די לאַטקעס.

אַף איינער פֿון די בלעטער איז געזעסן אַ שוואַרצער וואַסער-שפּין און זיך געוואַרעמט אַף דער זון.



אונטער די בלעטער האָט געשוויבלט פֿון מאַכגעס קאָפּעקלעך און קלייניקע פֿישעלעך. מיקן-לאַרוון האָבן זיך געקוליעט אין וואַסער, ווי לייצימלעך אין אַ צירק. דער שפּין, זיצנדיק אַף דער בלאַט, האָט זיי דערזען.

— פֿאַראַן דאָ פֿונוואַנען צו לעבן,—האָט ער אַ טראַכט געטאָן,—כ'וועל דאָ אויסבויען פֿאַר זיך אַ לופֿט-שלאָס.

און ער האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט. ער איז צוגעגאַנגען צום ברעג בלאַט און אַ שפרונג געטאָן אין וואַסער.

אין וואַסער האָט ער טייקעף גענומען פֿינקלען, ווי אַ קיילעכל פֿון קוועקזילבער; זײַן האָריקער גופֿ האָט זיך אַרומגעקלעפט מיט אַ דינעם שיכט לופֿט.



ער האָט זיך אַרונטערגעלאָזן אונטער דער ליליען-בלאַט און אויסגעקליבן אַן אָרט פֿאַרן שלאָס. מיט די הינטערשטע פֿיסלעך האָט ער אָפּגעטרייסלט פֿון זיך דאָס בלעזל לופֿט און צוגעקלעפט אונטער דער בלאַט.

אַ גאַנצן טאָג האָט דער שפין געהאָרעוועט. ער פֿלעגט אַרויסשווימען אַפֿן אויבערפֿלאַך, אָנכאַפּן מיט די האָריקע פֿיסלעך אַ בלעזל לופֿט, ווי אַ פּילקעלע, אַרונטערנורקען און צוקלעפּן אים אונטער דער בלאַט.

אַלע בלעזלעך האָבן זיך צונויפֿגעגאָסן און געשאַפֿן איין גרויס בלעזל. קעדיי דאָס בלעזל זאָל זיך ניט אַרויסגליטשן פֿון אונטערן בלאַט, האָט אים דער שפין אַרומגעוויקלט פֿון אַלע זײַטן מיט אַ קלעפּיקן שפּינוועבס. די עקן פֿונם שפּינגעוועב האָט ער צוגעפֿעסטיקט צום שטענגל און צום בלאַט פֿון דער ליליע.

ער האָט נאָך אויסגעשפּונען אַ נעץ פֿונם שפּיִנוועבס און אָנ-געצויגן צווישן דיִ שטענגלעך, קעדיי דיִ קאָפּעקלעך זאָלן אַהין אַרײַנפֿאַלן, ווי דיִ פֿליִגן.

דערנאָך איִז ער אַרײַנגעקראָכן מיִט דיִ פֿיִס איִן בלעזל—אָפּ-רוען און אויסשלאָפֿן זיִך.

עס איִז איִם געווען גוט, דעם שפּיִן איִן זײַן אונטערוואַסער-דיִקן לופֿט-שלאָס, טרוקן, רויִק. ער האָט ניִט געדאַרפֿט יעדע ווײַלע אַרויסקריכן אויבן, אַ כאַפּ טאָן אַ ביִסל לופֿט.



דיִ פֿויגלען פֿליִען פֿו-נויבן, זעען זיי ניִט דאָס בלעזל, און דיִ פֿיִש, כאָטש זיי זעען איִם, ווייסן זיי דאָך ניִט, אַז עס זיִצט איִן איִם אַ שפּין.

דער שפּיִן איִז געזעסן און געדרעמלט. פּלוצלונג האָט עפּעס אַ קער און אַ טרייסל געטאָן דעם לופֿט-שלאָס.

דער שפּיִן האָט ארויסגערוקט דעם קאָפּ פֿון בלעזל און דער-זען: אַ גרויסער קאָפּעקל האָט זיִך מיִטן עק פֿאַרפּלאָנטערט איִנם שפּיִנוועבס, ער רײַסט זיִך מיִט גאר דיִ קויכעס און אַרויסרײַסן זיך קען ער ניט. ער פֿאַרדרייט זיִך נאָך שטאַרקער איִנם שפּיִנ-וועבס.

דער שפּיִן איִז אַרויסגעשפּרונגען פֿון בלעזל, אַ ביִס געטאָן דעם קאָפּעקל גלײַך איִן קאָפּ אַרײַן, ער זאָל זיִך ניִט אַרומוואַרפֿן, און אַרײַנגעשלעפּט איִם איִן שטוב.

דער קאָפּעקל איז געווען אַ גרויסער. אינגאַנצן האָט ער אין בלעזל ניט געקענט אַרײַן—דער עק איז געבליבן שטעקן פֿונדרויסן. האָט זיך דער שפּין גענומען צו זײַן אָונטערברויט. ער האָט אָנגעהויבן פֿון קאָפּ.



פּלוצלונג האָט עס דעם קאָפּעקל אַ ריס געטאָן פֿאַרן עק און אַרויסגעשלעפּט פֿון בלעזל צוזאַמען מיטן באַלעבאָס.

דער שפּין איז פֿאַר-גליווערט געוואָרן פֿון שרעק.

אַ גרויסער פֿיש האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם קאָפּעקל און איִם שיִר ניט אײַנגעשלונגען צוזאַמען מיטן שפּין.

דער שפּין האָט אַ וואָרף געטאָן זײַן מײַכל און, קאַלזמאַן ס'איז נאָך ניט געווען שפּעט, אַרײַנגעכאַפּט זיך אין בלעזל.

דער פֿיש האָט אײַנגעשלונגען דעם קאָפּ-עקל, אַ שמעק געטאָן, אַרומגעקוקט זיך,—עפּשער איז פֿאַראַן נאָך עפּעס וואָס צו קײַען.

ער האָט ניט באַמערקט דעם שפּין און איז אַוועקגעשוווּמען ווײַטער.

דעמלט איז דער שפּין אַרויסגעקראָכן פֿון לופֿט-שלאָס, פֿאַריכט דאָס צעריסענע שפּינוועבס און זיך צוריק אַרײַנגעזעצט לויערן אַף רויב.

עס איז איִם ניט אויסגעקומען לאַנג צו וואַרטן, דער לופֿט-

שלאָס האָט ווידער אופֿגעציטערט, גענומען זיך שאָקלען, ווי פֿון אַן ערד-ציטערגיש.



דער שפּין האָט אַרויסגערוקט דעם קאָפּ אַדורכן וואַנט פֿון בלעזל און דערזען: דאָס מאָל זײַנען אַרײַנגעפֿאַלן מיטאַמאָל צוויי מיקן-לאַרוון-לייצימלעך.

זיי האָבן געמאַכט מיט די עקלעך אַהער-אַהין, אַראָפּ-אַרויף, אָבער אַרויספּלאָנטערן זיך האָבן זיי ניט געקענט.

דער שפּין האָט זיי אַפֿגיך צורעכט געמאַכט, אַרײַנגעשלעפּט אין בלעזל, אויסגעזויגן פֿון זיי דעם זאַפֿט און די ליידיקע פֿעל-כעלעך אַרויסגעשטויסן אַדורכן וואַנט.



דאָרטן זײַנען זיי פּאַמעליִנקעס אַראָפּ צום גרונט.

אַזוי האָט דער שפּין יעדן טאָג געכאַפּט די מיִקן-לאַרוון. אָבער עס פֿלעגן צו אים אַרײַנפֿאַלן אויך קאָפּעקלעך און פּיִציִנקע פֿיִשעלעך.

סאָף זומער איז דער שפּין עפּשער אָף דרײַ מאָל דיִקער געוואָרן, ווי פֿריִער.

יעדן טאָג האָט ער געדאַרפֿט צוגעבן עטלעכע בלעזלעך צום לופֿט-שלאָס, קעדיי עס זאָל אים ניִט ענג ווערן.

---

עס איז אָנגעקומען האַרבסט. די בוימער זײַנען געל געוואָרן און אָנגעהויבן אַראָפּוואַרפֿן פֿון זיך די בלעטער. דאָס וואַסער



איז אַלץ קעלטער געוואָרן. באַם שפּין האָבן גענומען פֿריִרן די פֿיִסלעך. וואָס פֿון טאָג האָט זיך אַלץ ווייניִקער געמאַכט עפּעס צום עסן.

און דאָ האָט נאָך געטראָפֿן אַ גרויסער אומגליִק.

עס האָט געפּלאַצט די בלאַט פון דער ליליע און פונקט אין יענעם אָרט, ווו ס'איז געווען דער באַלקן פונם לופט-שלאָס.

די לופט האָט אָנגעהויבן רוישן און איז אַרויס פון אונטערן בלאַט. דער שפּין האָט זיך דערפילט אין קאַלטן וואַסער, אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ. קוים, וואָס ער האָט זיך אַרויסגעפּלאָנטערט פונם אייגענעם שפּינוועבס, אַרופגעקראָכן אַף דער בלאַט, כדי אָנצוּוואַרעמען זיך אַף דער זון, אָבער קיין זון איז ניטאָ. עס בלאָזט אַ ווינט, און א קאַלטער רעגן שפּריצט, ווי פון אַ רעשעטע.



דער שפּין איז צוגעשוווּמען צום ברעג אויסבאַהאַלטן זיך ער-געץ אין אַיער. ער איז אַרופגע-קראָכן אַפן ברעג, אַוועק איבערן זאַמד, קוים שלעפּנדיק די פיס. ער איז פאַרשטאַרט געוואָרן פון קעלט.

פלוצלונג זעט ער עפּעס אַ פויגל לויפט אים אַנטקעגן, מאַכט אַזוי מיט די פיסלעך, ווי ער וואָלט זיך געקייקלט אַף רעדלעך.

דעם שפּין איז באַפאַלן אַן איימע, ער האָט דערקענט דעם קוליק, וואָס דערנערט זיך מיט שפּינען און ווערים. און אַרום זעט מען ניט, ניט קיין קוסטעלע, ניט קיין שטיינדל,—ניטאָ זיך ווו צו באַהאַלטן. אַראָפּלאָזן זיך אונטערן וואַסער? איז דאָס וואַ-סער קליין באַם ברעג, און דער קוליק וועט מיט זיין לאַנגן שנאָבל אים אַרויסבאַקומען פון גרונט.

דאָ האָט דער שפּין דערזען אַ ליידיקע מושל פון אַ שלימאַק. קוים, וואָס ער האָט באַוויזן אַריינצוכאַפּן זיך טיף אין מושל אַריין.

דער קוליק האָט אַ לאָך געטאָן און אַ זעץ איבערן מושל, אַז ס'האָט זיך באַ אים שיר דער שנאָבל ניט אַראָפּגעדרייט.



די מושל איז אָבער געווען שטאַרק און ניט געפּלאַצט.

דער קוליק האָט גענומען קײַקלען די מושל איבערן זאַמד, אַ קײַקל געטאָן אַהער, אַהין און אַוועקגעוואָרפֿן. דערנאָך איז ער אַוועקגעלאָפֿן ווײַטער פֿאַזע דעם ברעג זוכן ווערים.

דעם שפּין איז געפֿעלן געוואָרן די מושל. ס'איז דאָרטן טרוקן, וואַרעם, און קיינער קען אַהין ניט אַרײַנקריכן.



ער האָט זיך צונויפֿגעקאָרטשעט, אַרונטערגענומען די פֿיסלעך אונטער זיך און איז אַנטשלאָפֿן געוואָרן שטאַרק, שוין אַפֿן גאַנצן ווינטער.

פֿרילינג-צײַט וועט ער זיך אופֿכאַפּן און ווידער אויסבויען אַ לופֿט-שלאָס אונטערן וואַסער.

# אַ קריגעריי אין גאָרטן.

אין גאָרטן איז געוואַקסן אַרבעס. די דיקע שויטן זײַנען צײַטיק געוואָרן. און אין יעדער שויט זײַנען געלעגן צו עטלעכע אַרבעסלעך. דער אַרבעס וואַקסט, ווערט פול ניט פון טאָג, נאָר פון שאָ, דער אַרבעס וויקלט זיך אַף די פלעקלעך, העלצלעך, און ער טראַכט:

— אָט ווי איך בין אויסגעוואקסן, איך זע ווײַטער פון אַלע גריגסן! פונויבן אַראָפ האָט ער אַ קוק געטאָן אַפן בוריק, וואָס איז געלעגן לעבן אים אַפן בייט, און געזאָגט:

— עי דו, גראָבאַטש, זיצסט אין דער ערד און זעסט ניט די וועלט! פאַרגראָבן זיך, ווי אַ כאַזער, אין דער שוואַרצער ערד! אָבער אָט איך—יעדער יאָר שרײַבט אויס דער באַלעבאָס מײַנע זריעס פון שטאָט.



עטלעכע הונדערט וויאָרסט פאָר איך מיט דער אײַזנבאַן, אָדער מיטן שיף, און אַף דעם פאַפיר, אין וועלכן איך בין אײַנגעוויקלט, שטייט געשריבן: זיסער אַרבעסל.

דער בוריק האָט זיך באַליידיקט, איז רויט געוואָרן פון קאַס און האָט זיך גענומען באַקלאָגן פאַר

דעם קליינעם רעטעכל, דער קליינער רעטעכל האָט זיך רויט אָנגעצונדן און גענומען זיך באַקלאָגן פֿאַר דעם גרויסן רעטעך.

דער רעטעך איז פֿון פֿאַרדראָס בלייך געוואָרן, ווי אַ טוך. ער האָט זיך באַקלאָגט פֿאַר דער ציבעלע, די ציבעלע האָט זיך באַליידיקט, שיִר ניט אַרויסגעשפּרונגען פֿון בייט. זי האָט זיך באַקלאָגט פֿאַר דעם מער און פֿאַר דער פּעטרישקע, די פּעטרישקע—פֿאַר דעם קרויט מיט דעם כריין, דער כריין—פֿאַר דעם אוגעריק און פֿאַר דעם קירבעס.

אַ גערויש האָט זיך צעטראָגן איבערן גאָרטן, דער אַלטער כריין האָט געבורטשעט, דאָס קעפּל קרויט האָט זיך געבלאָזן, אַלע גרינסן האָבן געשריגן, באַקלאָגט זיך אָפּן אַרבעסל.

— מען קען שוין מיט דעם אַרבעסל ניט לעבן, אַזאַ אַזעספּנים איז ער געוואָרן! ער האַלט זיך גרעסער פֿון אַלעמען. אַלע, זאָגט ער, האָט איר זיך פֿאַרגראָבן אין דער ערד, ווי די כאַזייִים, און אַרום זיך זעט איר גאָרניִשט.

דאָ האָט זיך דער אוגעריִק אַ כאַפּ געטאָן און גענומען קוויִט-





שען אַף אַ דיִניִנקן קאָלעכל:

— ווען מע זאָל מיִך אונ-טערשפּאַרן מיִט אַ שטעקל, וואָלט איִך עפּשער אויך געוואַקסן אַף אַרויף, ניִט ערגער פונם אַרבעס!

דער קיִרבעס האָט פאַנאַנדער-געעפנט דעם פיִסק און גענומען ברומען אַפן באַס איִבערן גאַנצן גאָרטן:

— העי, אַרבעס! ווען מען זאָל מיִך אַרופזעצן אַף אַ שטעקן, וואָלט איִך נאָך איִבערגעוואקסן דיִך מיִט די אוגערקעס צוזאַמען!

די איִבעריִקע גריִנסן האָבן זיך אויך צעשריִען אַף אַלע קיילים.

— מיר זײַנען אויך היפּשע וויאָרסטן אָפּגעפֿאָרן, אײדער מע האָט פֿרילינג-צײַט אַרײַנגעזעצט אונדזערע זריעס אין דער ערד. דער באַלעבאָס האָט אונדז אויך אויסגעשריבן פֿון שטאָט!

דער אַרבעס האָט זיך פֿאַנאַנדערגעלאַכט פֿון גאַנצן האַרצן. אַלע אַרבעס-שויטן האָבן זיך גענומען שאָקלען אַף אים פֿון געלעכטער, ער האָט אויסגעשריִען:

— עך, איר, נאַרעשער קירבעס און גרינע אוגערקעס! מע זאָל אײַך אונטערשפּאַרן מיט שטעקנס, וואָלט איר זיך אָפּגעריסן פֿון



דער אײגענער שווערקײַט און צעקלאַפּט געוואָרן אַף שטיקלעך! בלויז איך אַליין קען הענגען און וויגן זיך אינדערלופֿטן. איר זײַט אַלע שוין צו דיק געוואָרן און שוין צוגעוויינט צו דער בלאָטע.

דאָס האָט נאָכמער אויפגעבראַכט דעם גאָרטן־אוילעם, און מע האָט גענומען שרײַען מיט איין קאָל:

— ניִשקאָשע, ס׳איז נאָך ניט קײַן גרויסער אומגליק, וואָס מע קען ניט וואַקסן אַף שטעקנס! אונדזערע זריִעס זײַנען אָבער אויך אַהער אָנגעקומען פון דער שטאָט. מיר האָבן זיך שוין אַלע אָנגעזען אַ וועלט!

דער אַרבעס האָט זיך פאַרשעמט, ניט געהאַט וואָס צו ענטפערן.

האָבן זיך די גרינסן דערפרייט, וואָס זיי האָבן בײַגעקומען דעם אַרבעס, און געוואָלט זיך שוין ווידער פאַרנעמען מיט דער אייגענער אַרבעט—וואַקסן אין דער ערד און פול ווערן!

ערשט פלוצלונג דערהערן זיי אַ טויבן געשריי פון אונטער דער ערד!

— אָט איך בין מער פון אײַך אַלעמען געפאָרן איבער דער ווײַסער וועלט, איך בין די קאַרטאָפל. מיך האָט מען געבראַכט צופירן אַהער אין רוסלאַנד אַזש פון אַמעריקע. געפאָרן אַפילע איבערן יאַם!

— דו, נאַרעשעוואַטע בולבע!—האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט דער אַרבעס,—געפונען מיט וואָס זיך צו באַרימען, מע פירט דאָך דיך ניט פון אַמעריקע יעדן יאָר, און דײַנע עלטער־זיידעס האָט מען אויך געבראַכט מיט הונדערט יאָר צוריק, סאַכאַקל איין מאָל. איצטער האַלט יעדער באַלעבאָס אַ קײַלעכיק יאָר די קאַרטאָפל בײַ זיך, ער צעשנײַדט עס פריליִנג־צײַט אַף שטיקלעך און זעצט עס אַרײַן אין דער ערד. אָנשטאָט זריִע. דו זיץ שוין בעסער רויִק און שווײַג!

דער גאָרטן־אוילעם האָט אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער, אַפילע דער כריין, דער אַלטער כריין האָט זיך אויך צעלאַכט ביז טרערן.

די קאַרטאָפֿל איז אַנטשוויִגן געוואָרן, פֿאַרשעמט פֿאַר דער נאַריִשקײַט, וואָס זי האָט אַרויסגעזאָגט.

די גריִנטן זײַנען ביִסלעכווײַז שטיִלער געוואָרן און גענומען זויגן די זאַפֿטן פֿון דער ערד. פלוצלונג דערהערן זיי קוילעס פֿון היִפּל, פֿונוואַנען דאָס איִז האָבן זיי בעשומויפֿן ניִט געקאָנט דערגיין.

— עך, איִר ערד-זיִצער! אויב מע האָט אײַך איִן פֿאַרנייטע זעק געפֿיִרט מיִט דער אײַזנבאַן, הייסט עס נאָך ניִט, אַז איִר האָט געזען די גאָרע וועלט. איִר האָט גאָרניִשט ניִט געזען פֿון די זעק אַרויס, אָט מיִר, בוימער, זײַנען אַ פֿרײַ פֿאָלק, קיינער האָט אונדז ניִט געזעצט. מיִר וואַקסן אַליין, וווּ נאָר מיִר וויִלן, און אונדזערע זריִעס פֿיִרט קיינער ניִט. מיִר לאָזן זיי פֿאַנאַנדער איִנדערלופֿטן, — אָט זעט!



די סאָסנע און די יאָדלע האָבן פֿאַנאַנדערגענומען די שאָלעכץ פֿון די שיִשקעס און אָוועקלאָזן מיִטן וויִנט באַפֿליִגלטע יאָדער-לעך, וואָס האָבן זיִך שנעל גענומען דרייען איִנדערלופֿטן און אַראָפּגעפֿאַלן איִנמיִטן גאָרטן.

די גאָרטן-אײַנוואוינער האָבן אַזש אַ זיפּץ געטאָן פֿון היספּײַלעס, נאָר דאָ האָט זיך אַרײַנגעמישט אין געשפּרעך אַ בלאָזבלימל, וואָס איז געשטאַנען באַם ברעג בײט.

— מײַנע פֿליִען נאָך ווײַטער, כאָטש איך בין קליין אין וווּקס, קוקט זיך אײַן!

דאָס בלאָזבלימל האָט זיך אַ שאָקל געטאָן אַפֿן לאַנגן פֿיסל און אַוועקגעלאָזן מיטן ווינט אַ גאַנצע מייע יאָדערלעך. דער ווינט האָט זיי אונטערגעכאַפּט, אַריבערגעטראָגן איבערן פּלויט, און אַראָפּגעלאָזן די יאָדערלעך ווײַט ערגעץ אַף דער לאָנקע.

אין גאָרטן איז געוואָרן אַ מעהומע.

אָט ס'אַראַ קונץ! — האָט מען געשריִען. אַפֿילע די בוימער האָבן זיך פֿאַרוווּנדערט, וואָס אַזאַ קליין בלימל האָט זיי איבערגעשטיגן.

באַ די גרינסן האָט אָפּגענומען דער לאָשן פֿון אַנטציקונג. מע איז געשטאַנען מיט אָפֿענע מײַלער און געקוקט אינדערווײַטנס. מיטאַמאָל זעען זיי, ווי עס קײַקלט זיך עפּעס אַ גרויע האָריקע

זאַך איבערן פעלד, קײַקלט זיך מיט גאָר די קויכעס, שפּרינגט אונטער אַף די בערגלעך און שרײַט:



— וואַרט, טײַערער, כ'קום שוין אָן! די גאַנצע גובערניע בין איך אויסגעווען. איך בין אַזאַ מין גראָז. קײַקל-קרויט רופט מען



מיך. איר לאָזט פאַנאַנדער אײַערע זריעס מיטן ווינט, און אַליין רירן זיך פון אָרט קענט איר ניט. אָבער איך קײַקל זיך אַליין

איבערן פֿעלד. אָט ווי בעריעש! אַ טאַנץ, אַ טאַנץ, אַ שפּרונג איבערן ווינט!

די בוימער, די קוסטעס און די גרינסן זיינען גישטוימעם גע-

וואָרן פֿון אַזאַ געוואַלדיקן וווּנדער און האָבן שוין געוואָלט האַלטן די קייקל-קרויט פֿאַר דעם פֿלינקסטן און קליגסטן גראָז.

נאָר דאָ האָט עפּעס עמיצער גענומען ריידן אַלט און הייזעריק פֿון דער ערד.

— מיר קענען דאָך אויך לאָזן מיטן ווינט! רעגן - בלעזלעך זיינען מיר. אָט וועלן מיר זיך באַלד אָנבלאָזן!

די קייקל-קרויט האָט זיך פֿאַנאַנדערגעלאַכט.

— איר וועט דאָס טאָן? מען זעט דאָך אייך פֿון דער ערד ניט אַרויס!

— ווי קומט איר צו אַזוינע זאַכן!—האָבן גענומען שרייען די בוימער, קוסטעס און גרינסן,—ווי קומט איר דערצו, בלעזלעך אַזעטיקע!

דאָ האָט אַ בלאָז געטאָן אַ ווינט, אַ שטיק צוואַנציק רעגן-בלעזלעך האָבן געפּלאַצט מיטאַמאָל, אַ גאַנצע כמאַרע ברוינע

ספּאָרן האָט אַ שאָט געטאָן פון זיי, ווי רויך פון אַ פאַבריק, און אַרויף גלייך אַפן גאָרטן.

די ספּאָרן האָבן פאַרשאָטן די אויגן באַ אַלע גריִנסן.

די בוימער און קוסטעס האָבן אָנגעהויבן הוסטן און ניסן אַף פאַרשיידענע קוילעס. אַזוי אַרום האָט קיינער ניט געזען, ווי ווייט די ספּאָרן זיינען אַוועקגעפלויגן.

— ס׳אַראַ פּאַסקודנער טאַבאַקל!—איז בייז געוואָרן די סאָסנע און אָפּגעווישט די סמאָלע-טרערן.

— נאַ דיר, געזען, וואָס אַ קליין בלעזל קען! לאָזט אָבער מיטן ווינט, ווי ס׳דאַרף צו זיין!—האָט אַ סקריפּ געטאָן די אַלטע יאָדלע. לאָמיר בעסער, פריינט מיינע, זיך נעמען צו דער אַרבעט און ניט קריגן זיך סטאַם אין דער וועלט אַריין.

# דאָס זומער-פֿייגעלע און די רייטער-פֿליג.

אַ גרויסע זומער-פֿייגעלע איז געזעסן אין שאָטן אַף די וואָרצ-לען פֿון אַ סאָסנע. טונקל זײַנען געווען די אויגן פֿונם זומער-פֿייגעלע. עס האָט זיך ניט גערירט, געדרימלט.

די זון האָט זיך שוין געהאַלטן באַם זעצן. די געלע שטאַמען און די גרינע היטלען פֿון די סאָסנעס זײַנען טונקעלער געוואָרן. דאָס זומער-פֿייגעלע האָט זיך אָנגעהויבן באַוועגן. די קײַלעכדיקע אויסגעפּוקלטע אויגן האָבן אָפּגעלעבט און גענומען פֿינקלען. עס האָט זיך אופֿגעהויבן און אַוועקגעפֿלויגן.



דאָס זומער-פֿייגעלע האָט זיך, ווי אַ פֿײַל פֿון בויגן, געלאָזן פֿאַרבײַ די וואַלד-וועגעלעך. עס איז געפֿלויגן שאָען גאָכאַנאַנד און זיך ניט אָפּגערוט, ניט אָפּגע-שטעלט זיך אַפֿילע אף די בלימעלעך, נאָר הענגענדיק אינדערלופֿטן האָט עס געפּאָכט מיט די פֿליגלעך, אַרויסגעלאָזן דעם לאַנגן שנוקל און געטרונקען דעם זיסן בלומען-זאַפֿט.

דער בּיין-האַשמאָשעס האָט זיך געענדיקט. דאָס זומער-פֿייגעלע איז אַרופֿגעפֿלויגן הויך, צו די שפּיצן פֿון די סאָסנעס, אַרומגעפֿלויגן דאָרטן לאַנג און עפּעס געזוכט. עס האָט אויסגעפֿונען אַ געדיכטן צווײַג מיט לאַנגע זאַפֿטיקע נאָדלען און זיך דאָרטן באַהאַלטן. ס'איז געוואָרן פֿינצטער.



דער וואַלד האָט צום לעצטן מאָל אַ רויש געטאָן און איז אַנטשלאָפֿן געוואָרן.

שטיל.

ס'איז פֿאַרבײַ די קורצע זומערדיקע נאַכט. די גרינע בוימערשפּיצן האָבן זיך ווידער באַגילט אין די שטראַלן פֿון דער זון.

דאָס זומער-פֿייגעלע איז ערגעץ אַוועקגעפֿלויגן; נאָר אַפֿן צווײַג, שטײַף צוגעטוליעט צו די נאָדלען, זײַנען געבליבן צוגעקלעפּט קלייניקע בלייך-גריניקע אייעלעך.

עס זײַנען געגאַנגען טעג נאָך טעג.

די זון האָט געשײַנט, רעגנס האָבן געגאָסן. און ווידער פֿלעגט אַ גלאַנץ טאָן די זון,—די אייעלעך האָבן זיך געוואַרעמט, גענעצט זיך און נאָכדעם געטריקנט זיך ווידער אַף דער זון.

ווינטן האָבן גערוישט, די גרינע בוימער-היטלען האָבן זיך געשאָקלט און זיך גענויגט איינע צו די אַנדערע. עס האָבן זיך



געוויגט די צווײַגן, צוזאַמען מיט זיי האָבן זיך געוויגט די אייעלעך, שטײַף צוגעקלעפּט צו די נאָדלען.

אין צוויי וואָכן אַרום זײַנען די אייעלעך צײַטיק געוואָרן. עס האָט געפּלאַצט דער שאָלעכץ, און עס זײַנען אַרויס פֿון זיי פּיציניקע גרינע ווערימלעך—רויפּן.

די רויפּן זײַנען זיך פֿאַנאַנדערגעקראָכן איבערן צווײַג און גענומען הריזשען די גרינע זאַפּטיקע נאָדלען. פֿאַרענדיקט מיט

איין נאָדל, זײַנען זיי איבערגעקראָכן צו אַ צווייטער נאָדל. גאַנצע טעג האָבן זיי אָן אויפֿהער באַוועגט מיט די קליינע קינ-באַקן און זײַנען געוואַקסן און דיקער געוואָרן ניט פֿון טאָג, נאָר פֿון שאָ.

אין צען טעג אַרום זײַנען זיי אַזוי אויסגעוואַקסן, אַז ס'איז זיי געוואָרן ענג אין זייערע גרינע פֿעלכעלעך.

די רויפּן האָבן זיך געפֿילט ניט גוט, האָבן אויפֿגעהערט עסן און זײַנען געבליבן זיצן אומבאַוועגלעך. פּלוצלונג האָבן גענומען פּלאַצן די נעט פֿון זייערע פֿעלכעלעך, און אונטער זיי האָבן זיך אַרויסגעוויזן נײַע קליידער, גראַמע, העלע און שיינע. די רויפּן זײַנען אַרויסגעקראָכן פֿון זייערע אַלטע פֿעלכעלעך, ווי פֿון אַ שייד, און האָבן ווידער גענומען עסן די גרינע נאָדלען.

אַזוי זײַנען אַוועק פֿערציק טעג.

פֿיר מאָל האָבן די רויפּן געביטן זייערע קליידער און יעדעס מאָל זײַנען די קליידער געוועזן העלער און פֿאַרביקער פֿון די אַלטע. זיי זײַנען פֿאַרוואַנדלט געוואָרן פֿון בלייך-גרינלעכע ווע-רימלעך אין גרויסע רויפּן—אַ פֿינגער די גרויס. העל-גרינע, געלע און לילאָווע פּאַסן האָבן זיך געצויגן אינדערלענג פֿון זייער קערפּער, און שוואַרצע האָבן זיי איבערגעשניטן אין דער קווער.

די רויפּן זײַנען וואָס פֿון טאָג געוואָרן אַלץ גרעסער און גרעסער. אַסאַך צווײַגן זײַנען שוין געהאַנגען נאַקעטע און אומע-טיקע, אָן די גרינע נאָדלען.

פֿיל רויפּן זײַנען אומגעקומען. אייניקע האבן די פֿייגל אויפֿגע-געסן, אַנדערע האָט דער ווינט אראָפּגעוואָרפֿן, די איבעריקע זײַנען איבערגעקראָכן אַף די שכיינעסדיקע צווײַגן.

בלויז צוויי זײַנען איבערגעבליבן אַפן אַלטן אָרט.

זיי האָבן דאָס גאַנצע לעבן, באַלד ווי זיי זײַנען נאָר אַרויס פון די אייעלעך, פאַרבראַכט צוזאַמען און זײַנען געוואָינט געוואָרן איינע צו די אַנדערע. איינע פון זיי איז געוועזן אַ קלייניקע, די צווייטע—אַ לאַנגע און אַ דיקע.

עס זײַנען אָנגעקומען די לעצטע זומערדיקע טעג. די רויפן זײַנען געזעסן איינע לעבן דער אַנדערער אַפן צווײַג, געהריזשעט די נאָדלען, און געשמועסט צווישן זיך.



— מיר זײַנען שוין אינגאַנצן אויסגעוואקסן,—האָט געזאָגט די קליינע,—דער האַרבסט וועט אָנקומען, וועלן מיר זיך פאַרוואַנדלען אין פּאָפּקעלעך, און מיר וועלן אַנטשלאָפן ווערן אַפן גאנצן לאַנגן ווינטער.

— נאָך דעם ווינטער וועט ווידער זײַן זומער,—האָט געענטפערט די צווייטע גרויסע רויפּע,—מיר וועלן אַרויסקריכן פון די פּאָפּקעלעך און פאַרוואַנדלט ווערן אין זומער-פייגעלעך, דעמלט וועלן מיר אַ פּאָר טאָג צוזאַמען און אָנטרינקען זיך מיט בלומען-זאַפט ביז איבערן האַלדז.

— ס'איז נאָך ווײַט צו פֿרילינג, — האָט געזאָגט די ערשטע, — מיר האָבן אָבער אַזויפֿיל סאָנים! וויפֿל שוועסטער אונדזערע זײַנען שוין אומגעקומען! לאָמיר בעסער גיכער אַראָפּקריכן אונטן און באַהאַלטן זיך אין דער ערד.

— איך האָב פֿאַר קיינעם קיין מוירע ניט, — האָט געענטפֿערט די גרויסע, — קוק זיך אײַן, ווי גרויס איך בין, סאַראַ גרויסע קינבאַקן איך האָב. מיר וועלן שטענדיק באַווײַזן אַראָפּצוקריכן אונטן. אָט קוק זיך אײַן, פֿאַראַנען נאָך דאָ אַסאַך זאַפֿטיקע נאָדלען.

און זי האָט אָנגעהויבן הריזשען אַ נײַע נאָדל.

די קליינע רויפּע האָט שטענדיק געפֿאָלגט איר עלטערע כאַווערטע, האָט באַוווּנדערט איר גרויסן מוט און אירע קויכעס.



זי האָט זיך אויך געוואָלט נעמען צום עסן, נאָר פּלוצלונג האָט זי דערהערט אַ לײַכטן גערויש און דערזען איבער זיך שלאַנקע רײַטער-פֿליגן מיט שמאָל-דורכזיכטיקע פֿליגעלעך און לאַנגע פֿעדעם אַפֿן עק. די רויפּן האָבן זיך איבערגעשראָקן פֿאַר זיי, כאָטש זיי האָבן ניט געוווּסט פֿאַרוואָס, זיי האָבן נאָך ביז איצטער קיינמאָל ניט געזען נאָענט קיין רײַטער-פֿליגן.

איין רײַטער-פֿליג האָט פּלוצלונג באַמערקט די רויפּן און האָט פֿאַרקירעוועט צו זיי.

— אַ רײַטער-פּליג,—האָט א געשריי געטאָן די קלײנע רויפּע צו דער גרויסער,—היט זיך... באַהאַלט זיך! נאָר יענע האָט שטאַרק געהריזשעט די נאָדלען און ניט געהערט דעם געשריי פון איר כאַווערטע.



דער באַפליגלטער גאַזלען האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אַף דער גרויסער רויפּע, ווי אַ שפּאַרבער אַף אַ פויגל, און אַוועקגעזעצט זיך אַף איר רײַטנדיק. ער האָט אַרײַנגעשטאָכן אין איר זײַן גיפט...

די ר ו י פּ ע האָט זיך געדרייט, ווי אַ ש ל אַ נ ג, געוואָלט אײַנבײַסן דעם סוינע, געשפּיגן אים אין די אויגן אַרײַן די גיפטיקע סלונע.

ענדלעך האָט דער גאַזלען אָפּגעלאָזן זײַן קאָרבן און אַוועקגעפלויגן.

די איבערגעשראָקענע רויפּן האָבן גענומען קריכן איבערן צווײַג צום שטאַם פון בוים. די גרויסע האָט פאַרגעסן אָן דער העלדישקײַט און איז שוין געווען צופרידן, וואָס זי איז כאָטש געבליבן לעבן.

זי האָט ניט געפילט, אַז די רײַטער-פליג האָט אָפּגעלייגט אַן אייעלע בא איר אין וווּנד אַף דער פלייצע. און זי האָט אויך ניט

געקענט וויסן, אַז פֿון דעם אייעלע וועט אינגיכן אַרויס אַ רײַטער-רויפּע, וועט לעבן אין איר און דערנערן זיך מיט איר קערפּער.

שנעל האָבן זיך די רויפּן אַראָפּגעלאָזן פֿון שטאָם. די וואָרצ-לען פֿון דער סאָסנע זײַנען געווען פֿאַרזונקען אין ווייכן מאָך. די רויפּן זײַנען אַרײַנגעקראָכן אין מאָך און דערקלעטערט ביז דער ערד. דאָרטן האָבן זיי פֿון שטיקלעך ערד צונויפֿגעקלעפּט געמיטלעכע נעסטעלעך, אַרײַנגעלייגט זיך אין זיי און קימאַט ווי אָפּגעשטאָרבן.

די רויפּן האָבן זיך ניט גערירט, נאָר די טיילן פֿון זייער קערפּער האָבן זיך אַליין צונויפֿגענומען, צוזאַמענגעקאָרטשעט זיך, געביטן זייער פֿאָרם און טונקעלער געוואָרן.

אינגיכן זײַנען אָנשטאָט לאַנגע, בונטע רויפּן געלעגן אין די נעסטעלעך אָן באַוועגונג צוויי קורצע פּאָפּקעלעך, באַדעקט מיט אַ שוואַרצער גלאַנציקער הארטער הויט.

ס'איז אָנגעקומען דער ווינטער.

די פּאָפּקעלעך זײַנען געלעגן אין די וואַרעמע נעסטעלעך, אונטערן שניי און מאָך, און געוואַרט אויפֿן נײַעם זומער.

עס זײַנען דורכגעגאַנגען לאַנגע װינטערדיקע כאַדאָשים. די זון האָט זיך גענומען אופהױבן העכער, די לופט איז װאַרעמער געװאָרן. דער שנײ, װאָס איז טונקעלער געװאָרן, האָט גענומען שטײַפער זיך טוליען צו דער ערד, און אָט האָבן שױן גענומען לױפן קלײנע טײַכעלעך, דער שנײ האָט אָנגעהױבן צעגײן. די ערד האָט זיך דערװאַרעמט. עס האָט זיך באַװיזן גראָז, אַלץ אַרום איז גרין געװאָרן. די זון-שטראַלן זײַנען אַרײַנגעדרונגען אַלץ טיפער און האָבן זיך שױן דערקליבן ביז צום נעסט מיט די פּאָפּקעלעך.

װידער איז אָנגעקומען אַ זומערדיקער אָװנט. די פּאָפּקעלע פון דער קלײנער רױפּע האָט זיך אָנגעהױבן רירן. עס האָט זיך אין איר באַװיזן אַ שפּאַלט. דער שפּאַלט איז געװאָרן אַלץ ברײטער און ברײטער. האָריקע פיסלעך האָבן זיך אַרױסגערוקט אַדורכן שפּאַלט און זיך אָנגעכאַפּט פאַר די ברעגן פון דער עפענונג. און אָט האָט זיך באַװיזן אַ קאָפּ פון אַ זומער-פײגעלע.



נאָך אַביסל אָנשטרענגונג, די פּאָפּקעלע האָט געפּלאַצט אינדער-לענג, און פון איר איז פּאַמעלעך אַרױסגעקראָכן אַ זומער-פײגעלע. אַנשטאָט פליגלען האָט עס געהאַט אַף דער פּלײצע אײדעלע צעקנײטשטע קנײַלעכלעך. די קנײַלעכלעך האָבן זיך אױסגעגלײַכט, אױסגעצױגן זיך, געװאַקסן.

אין אַ שאָ אַרום האָבן זיך באַװיזן פליגלען, נאָר זײ זײַנען געװען װײך און אומבאַװעגלעך. אַװעק נאָך אײניקע שאָ, זײַנען די פליגלען געװאָרן שטײַף און עלאַסטיש. דאָס זומער-פײגעלע האָט אַ פּאָך געטאָן מיט זײ אײנמאָל, אַ צװײט מאָל און האָט זיך שױן געגרײט אַװעקצופליען.

נאָר דאָ האָט עס זיך די פּאָפּקעלע דערמאָנט אָן איר שוועסטער.

די צווייטע פּאָפּקעלע איז געלעגן לעבן איר און האָט זיך אויך געריִרט. מיטאַמאָל האָט זיך פון איר דער גאַנצער פאָדערשטער טייל אָפּגעוואָרפן, ווי אַ דעקל.

דאָס זומער-פייגעלע האָט אָנגעהויבן פּאָכען מיט די פליגעלעך, עס האָט זיך געפרייט, וואָס עס וועט באַלד באַגעגענען איר כאַווערטע אין אַ נייַער געשטאַלט.

און פּלוצלונג האָט דאָס זומער-פייגעלע אופגעציטערט פון שרעק.

אָנשטאָט אַ שיינער זומער-פייגעלע—איז פון דער שוועסטערס פּאָפּקעלע אַרויסגעקראָכן



פאַמעלעך אַ מיִעסער מאָגערער גופּל פון אַ רייטער-פליג.

דאָס זומער-פייגעלע האָט אין שרעק אַ מאַך געטאָן מיט די פליגלעך און אַוועקגעיאָגט, ווי אַ פייל, פון דעם שרעקלעכן שאָכן, וואָס האָט אומגעבראַכט איר שוועסטער.

# שוועמלעך—באַרימער.

אַמאָל האָט זיך אַ פליגן-שוועמל גענומען באַרימען פאַר די איבעריקע שוועמלעך.

— הערט, שוועמלעך,—האָט ער אַ זאָג געטאָן—איך בין דער קליגסטער שוועמל אין וואַלד, קיינער קען זיך ניט באַהאַלטן אַזוי ווי איך. אייך באַמערקן די מענטשן, אָבער מיך זעט מען ניט—מע גייט פאַרביי. און מיין היטעלע איז דאַווקע אַ שיינס: אַ רויטס מיט ווייסע פינטעלעך.

די שוועמלעך האָבן זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.



אַ רויטער שוועמל, וואָס איז געוואַקסן לעבן אַן אַספּע, האָט געזאָגט:

— מיין היטל איז אויך אַ רויטס, און אַלע ווייסן, אַז איך באַהאַלט זיך בעסער פון דיר. איך קריך אַרונטער אונטער אַן אַספּע-בלאַט, וואָס פאַלט אין האַרבסט אַראָפּ פון בוים—און איך ווער ניט! זוך מיך אַרום איבערן וואַלד, אויב דו ווילסט! פאַר דעמדאָזיקן שפּיצל רופט מען מיך טאַקע אַספּע-שוועמל.

דער שוואַרצער שוועמל האָט ניט אויסגעהאַלטן; אים האָט זיך אויך פֿאַרגלוסט ווייַזן, וואָס ער קען. ער האָט אַרויסגערוקט דאָס ברוין קעפּל פֿון אונטער די טרוקענע בעריאָזאָווע בלעטער און געזאָגט:

— נו, וואָס איז פֿון דעם, פֿליגן-שוועמל, אַז דאָס קעפּל איז שוין יאָ באַ דיר רויט? ביסט נאָר גוט צום סאַמען פֿליגן, דעריבער נעמט דיך קיינער ניט, און ניט דערפֿאַר, ווייַל דו באַהאַלסט זיך גוט. אָט זעסטו—איך איז שוין עפּעס אַנדערש. מייַן היטל איז אַ ברוינע, ווי שאָקאָלאַד, ווי דער קאָליר פֿון טרוקענע בעריאָזאָווע בלעטער. מענטשן גייען אַרום און זיי נעמען מיך ניט, דעריבער רופֿט מען מיך טאַקע בעריאָזע-שוועמל, ווייַל איך באַהאַלט זיך אין בעריאָזאָווע וועלדלעך אונטער די בלעטער.

דעמלט איז דער ווייַסער שוועמל געוואָרן אין כּעס. ער האָט אַרויסגערוקט דעם קאָפּ פֿון אונטערן מאָך און אַ געשריי געטאָן:

— גענוג זיך אייַך צו באַרימען! ניטאָ קיין געשמאַקערער שוועמל פֿאַר מיר, פֿון מיר מאַכט מען פֿאַרשיידענע געריכטן, מיט מיר פֿילט מען אָן געבעקס, מען מאַרינירט מיך—אַן עמעסער מייכל! גאַנצע טעג זוכן מיך מענטשן אַרום איבערן וואַלד. דעריבער האָב איך זיך אויסגעלערנט באַהאַלטן בעסער פֿון אַלעמען.

דער ווײַסער שוועמל האָט זיך אַרונטערגעלאָזן אין ווײַסן מאָך ביז דעם שפּיץ גופּל, און פֿונויבן האָט אים פֿאַרשאָטן מיט נאָד־לען, מע האָט אים קוים געזען.

עס זײַנען אַנטשוויגן געוואָרן דער פֿליגן־שוועמל, דער בלוט־שוואָם און דער בעריאָזע־שוועמל.

זיי האָבן דערזען, אַז דער ווײַסער שוועמל קען זיך בעעמעס בעסער אויס־באהאַלטן פֿון זיי. און די איבעריקע— די ווײַסע פּעפּער־שוועמלעך, די פּיקסלעך, די געלע שוואָימען, די פּוטער־שוועמלעך און די רוי־שוואָימען פֿון אַלע פֿאַרבן האָבן זיך גאָר באַליידיקט, זיי האָבן ניט געהאַט מיט וואָס זיך צו באַרימען, זיי האָבן זיך צונויפֿגעקליבן, גע־שריען איבערן וואַלד, געאַמפּערט זיך—דער פֿליגן־שוועמל האָט אַלעמען דעם קאָפּ פֿאַרדרייט.

דער פּעפּער־שוועמל האָט געשריען:

— מע דאַרף מיך נאָר אײַנזאַלצן, ווער איך דעמלט אַזוי באַ־טאַמט אַז מע לעקט די פֿינגער.

באָם געלן שוועמל האָט זיך אין גריבל אַפּן קאָפּ באַ־וויזן אַ שווייס—אַזויפֿיל האָט ער געשריען:

—. מיך זאַלצט מען אויך און מע מאַרינירט מיך אין עסיק. און באַהאַלטן זיך וועל איך נאָך אויך טרעפֿן, ווי דער פּעפּער־שוועמל! ער טראָגט אַ ווײַסע היטל, וואָס זעט זיך אַרויס

פֿאַר אַ מײַל, אָבער מײַן היטל איז אַ געלע, ווי די צעפֿוילטע בלעטער. מיך געפֿינען איז ניט אַזוי לײַכט!

דער רוי־שוועמל האָט אויך געשריען:

— און איך קען זײַן פֿון אַלע פֿאַרבן. דער קאָליר פֿון מײַן היטל איז צוגעפּאַסט צום אָרט, ווו איך בין אויסגעוואַקסן. געזאַלצענערהייט בין איך גאַנץ געשמאַק. איך בין בכלל אַ וואָילער שוועמל!



די פּוטער־שוועמלעך און די פּיקסלעך האָבן זיך אַזוי מעצאַער געווען, אַז זיי האָבן אַזש געוויינט. זיי האָבן, נעבעך, ניט געהאַט מיט וואָס זיך צו באַרימען. פֿאַראַנען אַזוינע כעוורע אַסאַך אין וואַלד, און אַלץ מאַכנעסוויִז. געשמאַק זײַנען זיי טאַקע, אָבער זיי קענען זיך ניט לויבן.

און דאָ איז אויך געזעסן אַף אַ קאָרטש אַ קאָרטש־שוועמל, אײַנגאַנצן אַ צונויפֿגעדרייטער.

— איך,—האָט ער געזאָגט,—בין קליגער פֿון אײַך אַלעמען. קוקט זיך אײַן, ווּהין איך האָב זיך פֿאַרקליבן.



די שוועמלעך האָבן אויסגעגלאָצט די אויגן אַפֿן קאָרטש און האָבן גאָרניִשט ניט דערזען.

און דער קאָרטש־שוועמל איז זיך געזעסן אַפֿן קאָרטש און געלאַכט.

די שוועמלעך האָבן אים קוים מיט צאָרעס דערזען—אַזוי קונציק האָט ער זיך דאָרטן צוגעטוליעט צום אויסגעקרימטן קאָרטש.

דער ווײַסער שוועמל האָט זיך באַליידיקט, וואָס אין וואַלד האָט זיך געפֿונען אַן אַנדער שוועמל, קליגער פֿון אים.



—עך, דו נאַרישעוואָטער קאָרטש-שוועמל, — האָט ער געזאָגט — און אַז דו קענסט זיך שוין יאָ באהאַלטן, איז וואָס? איך בין דאָך אָבער געשמאַקער פֿון דיר.

דער קאָרטש-שוועמל האָט זיך פֿאַרשעמט און איז אַנטשוויגן געוואָרן. האָט זיך דער ווײַסער שוועמל דעמלט דערפֿרייט, וואָס ער איז טאַקע דער בעסטער אין וואַלד. די אַלע איבעריקע שוועמלעך האָבן שוין אויך באַשלאָסן, אַז מען קען אײַנגיין אַף דעם. ערשט מיטאַמאָל דערהערן זיי עפּעס אַ שטים פֿון אונטער דער ערד:

— עך איר! צי דען בין איך שוין גאָר קײַן שוועמל ניט, וואָס איר האָט אָן מיר פֿאַרגעסן? איך בין דאָך אַ שוועמל שעבי-שוועמל!... מע רופֿט מיך: טריפֿל, אַ-הו! ווו בין איך? זוכט!



די שוועמלעך האָבן גענומען לויפֿן איבערן וואַלד. זיי האָבן בעשומויפֿן ניט געקאָנט אויסזוכן דעם טריפֿל. דער ווײַסער שוועמל האָט זיך פֿאַרוווּנדערט. ווו האָט ער זיך עס געקענט באַהאַלטן?

עס האָט אים פֿאַרדראָסן, וואָס עפּעס אַ טריפֿל, וועלכן ער האָט קיינמאָל ניט געזען, האָט אים איבערגעקליגט. די שוועמלעך האָבן טאַקע ניט געפֿונען דעם באַרימער.

דער טריפל איז זיך אָבער געזעסן אונטער דער ערד לעבן א דעמב און געלאַכט. די שוועמלעך האָבן מאַסקים געווען, אַז דער טריפל איז דער פלינקסטער, געשמאַקסטער און טייערסטער שוועמל, וויבאַלד ער קען זיך אַזוי גוט באַהאַלטן, און זיי האָבן זיך שוין אָנגעהויבן פֿאַנאַנדערגיין.

פלוצלונג האָבן זיך אָנגעהויבן ברעכן די צווייַגלעך אין וואַלד. עס האָט זיך באַוויזן אַ מענטש מיט אַ קאָשיק, מיט אַ שטעקן, און לעבן אים אַ שוואַרצער געקרייַזלטער הונט—אַ פודל.

צווישן די שוועמלעך איז געוואָרן אַ מעהומע. מע האָט זיך געלאָזן לויפן — יעדערער אַף זייַן אָרט.



דער בלוט-שוועמל האָט זיך פֿאַרטאַיעט לעבן דער אַספּע.

דער בעריאָזע - שוועמל — לעבן דער בעריאָזע.

דער ווייַסער שוועמל איז אַרייַנגעקראָכן אין מאָך, אָבער אין פולער שרעק האָט ער ניט באַוויזן זיך צוצודעקן מיט אַ בלאַט—דער שפּיץ קאָפּ איז געבליבן שטעקן.

און דער פליגן-שוועמל, ווי ער זאָל זיך ניט באַהאַלטן, קען ער זיך אַלץ קיין אָרט ניט געפינען.

דאָס רויטע היטל ברענט אַף אים, ווי אַ לאַמטערן.

די אַלע איבעריקע שוועמלעך זייַנען שוין אַזוי געבליבן, ווו זיי זייַנען געשטאַנען, פֿאַרגליווערט אַף אַן אָרט. עפּשער וועט ער אַמאָל ניט באַמערקן!

דער מענטש האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן קליגער פון אַלעמען. ער האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיטן שטעקן איבער דעם רויטן הוט פון פליגן-שוועמל, איז דאָס שוועמל צעפאַלן אַף שטיקלעך.

דעם בלוט-שוועמל און דעם בעריאָזע-שוועמל האָט ער אַרויס-געשלעפּט פון אונטער די בלעטער און אַרײַנגעלייגט אין קאָשיק.

דעם ווײַסן שוועמל האָט ער אַרויסגעשלעפּט פון מאָך פאַרן קאָפּ און אויך אַרײַנגערוקט אַהין.

די אַלע איבעריקע שוועמלעך זײַנען אויך אַלע קעסיידער אַרײַנגעפאַלן אין קאָשיק.

באַהאַלטן זיך האָט מען ניט געקאָנט. אַפילו דער קארטש-שוועמל איז אויך אַרײַנגעפאַלן. בלויז דער טריפל איז זיך געזעסן אונטער דער ערד און געלאַכט:

— מיך וועט ער ניט געפינען! — האָט ער געטראַכט.

אויסגעלאָזן האָט זיך אָבער אַנדערש.

דער פודל איז צוגעלאָפן צום דעמב, אַ שמעק געטאָן די לופט, אַ פאָרשקע געטאָן, גענומען מאַכן מיטן עק און גראָבן אונטער זיך—בלויז ערד איז געפלויגן און פיסלעך האָבן געשוועבט! דער פודל האָט אויסגעגראָבן אַ גרוב.

דעמלט איז צוגעגאַנגען דער מענטש, אַ גלעט געטאָן דעם הונט, און אַרויסגענומען דעם טריפּל פון גרוב.

— פונדעסטוועגן בין איך דאָך דער קליגסטער!—האָט געזאָגט דער טריפל, ווען ער איז אַרײַנגעפאַלן אין דער קאָמפּאַניע פון די איבעריקע שוועמלעך.—אָן אַ הונט וואָלט מען מיך קיינמאָל ניט געפינען.



# דער פֿוקס און דער דאַקס-הונט.

דער דאַקס-הונט איז אַרײַנגעלאָפֿן אין סאָסנע-וואַלד. ניט ווײַט פֿון קילן טײַכל האָט ער אויסגעפֿונען אַ זאַמדיקן בערגל און גע-נומען גראָבן אין אים אַ נאָרע.

דער דאקס-הונט האָט געהאָרעוועט אַ גאַנצן טאָג. ער איז אַזוי געווען פֿאַרנומען, אַז ער האָט ניט געזען, ווי אַ פֿאַסטעך איז פֿאַרבײַגעגאַנגען, זיך פֿאַרקוקט אַף אים און נאָכדעם שטילערהייט פֿאַרשוווּנדן אין די קוסטעס און אַוועק אין דאָרף.

דער דאקס-הונט האָט אויך ניט באַמערקט דעם פֿוקס, וואָס האָט זיך אומגעקערט פֿון יאַגד און האָט געזוכט אַן אָרט, וווּ אויסצושלאָפֿן זיך נאָך דעם געשמאַקן הינדעלע, וואָס ער האָט פֿאַרצוקט אין דאָרף.

דער פֿוקס האָט אָבער באַמערקט דעם דאַקס-הונט...

דער פֿוקס איז גרײַלעך נײַגעריק געוואָרן—וואָס האָרעוועט עס אַזוי דער דאַקס-הונט אַף דער נאַכט!

ער איז צוגעגאַנגען נעענטער צום בערגל,—דער דאַקס-הונט האָט געהאַלטן אין שאַרן מיט די פֿיסלעך, ער האָט אויסגעגראָבן דעם זאַמד קופּעסווײַז, געסאָפּעט פֿון האָרעוואַניע און דעם פֿוקס האָט ער ניט געזען.

דער פֿוקס האָט דעמלט אײדל אַראָפּגעלאָזן דעם עק צו דרערד און געזאָגט:

— גוטנאָוונט! איך בין געגאַנגען פֿאַרבײַ און פֿאַרוווּנדערט זיך: ווער אַרבעט עס בײַנאַכט? בין איך צוגעגאַנגען אַ קוק טאָן. וואָס אַרבעטסטו דאָ?

דער דאַקס-הונט האָט זיך אויסגעקרעוועט צום פֿוקס, אַרויסגעשאַרט אַ קופּע זאַמד און זיך צוגעלײגט אָפּרוען.

— וואָס? דו זעסט ניט, וואָס איך טו?—האָט ער ניט גערן געענטפֿערט—אַזוי בין איך געוואָינט, בײַנאַכט אַרבעטן און בײַטאָג שלאָפֿן. דאָס מאָל האָב איך אָבער אַן אײליקן איניען—קומט אויס צו אַרבעטן טאָג און נאַכט.

— זאָג מיר, זײַ מוחל,—האָט זיך פֿאַרוווּנדערט דער פֿוקס—וואָס שטעכט דיר אַזוי דער האָבער?

דער דאַקס-הונט האָט זיך פֿאַנאַנדערגעלאַכט פֿון דעם פֿוקס טיפּשעס. ער האָט ניט פֿאַרשטאַנען, אַז דער פֿוקס מאַכט זיך.

— צי דען שפּירסטו ניט,—האָט ער געזאָגט—אַז דער ווינטער קלאַפּט שוין אין טיר. און צו ווינטער דאַרף מען האָבן אַ גוטע נאָרע. שלאָפֿן ווינטער אין אַ שלעכטער נאָרע,—קען מען נאָך פֿאַרפֿראָרן ווערן.

— אַ גרויסן דאַנק, וואָס דו האָסט עס מיר געזאָגט!—האָט זיך דערפֿרייט דער פֿוקס,—עפּעס מערק איך טאַקע די לעצטע טעג, אַז עס בלאָזט אַ קאַלטער ווינט. אָט האָב איך אויך געדאַרפֿט גראָבן אַ נאָרע, אָבער די פֿיס טוען עפּעס וויי—געקראָגן רעוו-

מאַטיִזם. גראָב מיִר אויס, טײַערער דאקס-היִנטל, כאַטש אַ קליי־ניִנקע נאָרעלע!—האָט קלאָגנדיִק אַ זאָג געטאָן דער פוקס און פאַרבויגן אַ היִנטערשטע פוס.

דער דאקס-הונט האָט זיך פאַרטראַכט, ער האָט ראַכמאָנעס גע־קריִגן אַף דעם פוקס. ער האָט ניִט געוווּסט, אַז דער פוקס מאַכט זיך, און אַז ער קען אַליין אויסגראָבן אַ נאָרע.

— איִז וואָס וועסטו מיִר געבן,—האָט ער געפרעגט—אַז איִך וועל אויסגראָבן פאַר דיִר אַ נאָרע?

— איך וועל דיִר זאָגן אַ דאַנק!

— נו, פאָטערל, טראָגט זיך אָפ! פאַר אַזאַ האָרעוואַניע וועט ער מיִר זאָגן אַ דאַנק! איִך האָב ניִט קײַן צײַט צו פאַרנעמען זיִך מיִט דיִר. איִך דאַרף נאָך דרײַ דורכגענג אויסגראָבן אונטער דער ערד.

דער דאַקס-הונט האָט זיך אויסגעקיִרעוועט צום פוקס מיִט דער פלייצע און זיך וויִדער גענומען צו דער אַרבעט.

דער פוקס האָט זיך באַליידיִקט. נאָר וואָס זאָל מען טאָן? ער איִז אַוועק זוכן איִבערן וואַלד עפעס אַ וואַרעמען טרוקענעם ערטל ערגעץ אונטער א יאָדלע, צי איִן אַ קופע צווײַגן, קעדיי צו כאַפן אַ דרעמל.

---

דער דאַקס-הונט האָט געהאָרעוועט אַ גאַנצע וואָך. ער איִז איִנ־גאַנצן אָראָפ פון פאָניִם; ניִט געטרונקען, ניִט געגעסן ווי ס׳דאַרף צו זײַן, אָבער ער האָט אויסגעגראָבן אַלע דורכגענג.

אונטערן בערגל האָט ער אויסגעגראָבן אַ גאַנצן לאַביִריִנט.

איִנמיִטן בערגל אויסגעבויט אַ ציִמער, צונויפגעשלעפט אַהיִן טרוקענע בלעטער, מאָך און דערמיִט אויסגעבעט דעם דיִל.

עס האָט זיך באַקומען אַ גאַנץ וואַרעמער געלעגער. דער דאַקס-הונט האָט דורכגעגראָבן פון צימער אונטער דער ערד דריי דורכגענג: איינעם צום טייך, עס זאָל זיין געענטער צום טרינקען. דעם צווייטן צו דאָרעם צו, ער זאָל זיך קענען וואַרעמען אַף דער זון, דעם דריטן—צום וועלדל, אין די קוסטעס אַריין. דאָס איז שוין געווען אַ געהיימער דורכגאַנג, טאָמער וועלן זיך די סאָנים אַרייַנכאַפּן אין די ערשטע צוויי דורכגענג.

דער דאַקס-הונט האָט פאַרענדיקט די אַרבעט, און צוגעלייגט זיך באַם אַרייַנגאַנג אין דער נאָרע אָפּרוען. ערשט ער זעט, דער פוקס איז ווידער געקומען צו הינקען.



— גוט מאָרגן, פוקס! האָט זיך מיט אים דער דאַקס-הונט באַגריסט—וואָס זשע הינקסטו עפּעס?

— אָ, פרעג בעסער ניט!—האָט דער פוקס געענטפערט קלאָגנדיק, כ'האָב זיך געגרייט צום ווינטער, געגראָבן אַ נאָרע, ערשט כ'האָב אויסגעלונקען די קראַנקע פוס. האָב אַף מיר ראַכמאָנעס, טייַערער, און גראָב אויס פאַר מיר אַ נאָרע, דערלויב זשע מיר אַ קוק טאָן.—דיין נאָרע איז זיכער אויסגעצייכנט, דו ביסט דאָך אַ בעריע אַף גראָבן נאָרעס!

דער דאַקס-הונט האָט אַזש אָנגעהויבן בורטשען פון דעם פוקס ליבגעזאָגנגען.

— ניין,—האָט ער געזאָגט,—כ'האָב נאָך ניט פאַרענדיקט די אַרבעט, איך דאַרף זיך נאָך באַזאָרגן צו האַרבסט מיט שפּייז. דעמלט, זעסטו, וועל איך שוין אָפּרוען, ווי ס'געהער צו זיין.

דער פוקס האָט שוין אָבער געגומען אַריינקוקן אין דער נאָרע. דעמלט האָבן זיך באַם דאַקס-הונט אויפגעשטעלט די האָר אַפן לייב:

— גיי ניט צו נאָענט!—האָט ער אַ געשריי געטאָן,—כ'האָב ליב ריינע לופט און פון דיר טראָגט מיט אַ שרעקלעכן רייעך.



— זאָל זיין אַזוי,—האָט געזאָגט דער פוקס,—גראָב אויס פאַר מיר אַ קליינע נאָרעלע, וועל איך דיר דערפאַר ברענגען הינער פון דאָרף.

— איך דאַרף ניט האָבן דיינע הינער,—האָט אַ בורטשע געטאָן דער דאַקס-הונט—פאַר מיר קלעקט דער האָניק פון די ערד-בינען, און די פאַרשיידענע קרייטעכער. פליישיקס האָב איך ניט ליב. טראָג זיך אָפּ! וואָס דרייסטו זיך דאָ אַרום!

דער פֿוקס איז אײנקאַס געװאָרן, האָט אַ מאַך געטאָן מיטן עק און אַנטלאָפֿן אין װאַלד. אַפֿן װעג האָט ער זיך אויסגעקי־רעװעט צום דאַקס־הונט און אַ געשריי געטאָן:



— דו האָסט ניט גע־װאָלט מיט גוטן אויסגראָבן פֿאַר מיר אַ נאָרע, װעל איך דערפֿאַר דיך אַרויס־זעצן פֿון דײַן דירע. האָב עס אין זינען!

און ער איז פֿאַרשװוּנדן אין װאַלד.

ס'איז אָנגעקומען נאַכט. אַפֿן הימל האָבן זיך אַרויסגעשאָטן די שטערן, די פֿייגלען און כאַיעס איז באַפֿאַלן אַ שלאָף, בלויז דער דאַקס־הונט איז ניט געשלאָפֿן. ער האָט אַרויסגערוקט די נאָז פֿון נאָרע, פֿאָרזיכטיק אַ שמעק געטאָן די לופֿט,—צי געפֿינט זיך ניט װער אין דער נאָענט. דערנאָך האָט ער אַרויסגעשטעלט דעם קאָפּ און זיך גע־נומען אַרומקוקן.

אַ ר ו ם איז געװען שטיל און רויק.

די לעװאָנע איז, װי אַ גרויסער בלין, אַרויס פֿון אַ הינטערן װאַלד, עס האָט גערוישט דער װאַלד און געמורמלט האָט דאָס טײַכעלע אַהינטערן בערגל.

דער דאַקס-הונט איז אַרויסגעקראָכן פון דער נאָרע, צוגעלאָפן צום טײַכל אָנטרינקען זיך מיט קוואַל-וואַסער, און אַוועקגעלאָפן אין וואַלד, קעדיי צו אָנגרייטן שפּײַז אַף האַרבסט, אָנגראָבן וואָרצלען צום עסן.

אַ גאַנצע נאַכט איז דער דאַקס-הונט אָפּגעווען אין וואַלד. ער האָט אָפּגעקליבן אַזעלכע קופּקעס וואָרצלען, פאַרבאָרגן זיי אין פאַרשיידענע ערטער, קעדיי אין דער קומענדיקער נאַכט אַרײַנטראָגן זיי אין נאָרע און אָפּלייגן אין שפּײַכלער. נאָכדעם איז ער אַוועקגעלאָפן אַ היים.

אָבער ווי נאָר ער האָט געפּרוּווט אַרײַנגיין אין נאָרע, האָט אַף אים אַ טראָג געטאָן מיט פוקסענעם רייעך.

דער דאַקס-הונט איז אַרײַנגעקראָכן נאָך ט י פ ע ר, ערשט דאָרטן איז אַלץ איבערגעקערט מיטן קאָפּ אַראָפּ, פאַרמיסטיקט, אָנגעפּאַסקודזשעט.

ער איז אַרויסגעשפּרונגען פון נאָרע ניט טויט, ניט לעבעדיק. ער האָט ניט געקענט אַריבערטראָגן דעם פוקסענעם רייעך, און זיך גלײַך אָפּגעטונקט אין טײַך, קעדיי אַרומצוואַשן זיך. פון טײַך—גלײַך אין וואַלד אַרײַן. באַלד איז פון דעם רייעך קײַן זייכער ניט געבליבן.

אַפּמאָרגן האָט זיך דער פאַסטעך געקליבן גיין אַף יאַגד. ער האָט די קליינע פאַסטעכלעך איבערגעלאָזן באַ די קי, אַליין האָט ער גענומען אַ לאַנגע ביקס און איז אַוועק אין וואַלד.

ער איז געגאַנגען און געטראַכט:

— אָט ווען איך פּאַק דעם דאַקס-הונט! ס'איז איצטער האַרבסט— איז ער גרייַלעך פֿעט. מיט דעם כיילעוו פֿון דאַקס-הונט איז גוט אויסצושמירן די שטיוול זיי זאָלן זיך ניט דורכנעצן אין טוי און רעגן. זייַנע האַרטע האָר פֿון פּלייצע קענען אויך צוניץ קומען. דאָס איז גאַנץ גוט אַף פּענזלעך פֿאַר מאָלער.

דער פֿאַסטעך האָט אויסגעזוכט די נאָרע פֿונם דאַקס-הונט, ער האָט אַרומגעקוקט די דרייַ דורכגענג. דעם דורכגאַנג, וואָס פֿירט צום דאָרעם, האָט ער פֿאַרלייגט מיט שטיינער.

אין דעם געהיימען דורכגאַנג האָט ער אָנגעשטאָפּט מאָך, בלעטער, צווייַגלעך, טרוקענע בעריאָזעווע קאָרע און אָנגעצונדן.

דער פֿייַער האָט אָנגעהויבן קנאַקן, אַ רויך האָט גענומען זעצן קנוילנווייַז.

דער פֿאַסטעך איז דערווייַל איבערגעלאָפֿן צום טייַכל, האָט זיך באַהאַלטן אַ הינטער אַ קוסט, אַ טריט צען פֿון דער נאָרע, און גענומען וואַרטן—וואָס וועט דאָ זייַן?

דעם רויך האָט געצויגן אין דער נאָרע אַרייַן, ווי אין אַ קוי-מען, און ער איז דערגאַנגען ביז צום דאַקס-הונטס שלאָפֿצימער.

אינגיכן האָט זיך באַוויזן אַ דין רויכעלע אין יענעם דורכגאַנג וואָס פֿירט צום טייַך.

דער פֿאַסטעך האָט זיך צוגעגרייט, צוגע-לייגט דעם ביקס צום אַקסל און דורכגערוקט די רער פֿון ביקס אַדורכן קוסט, גלייַך אין נאָרע אַרייַן.

פּלוצלונג איז אַרויסגעשפּרונגען פֿון נאָרע אַ געלע כאַיע.

ס׳האָט אַ קנאַל געטאָן אַ שאָס. דער גאַנצער וואַלד האָט אָפּגעהילכט. די כײַע האָט זיך אַ קער געטאָן און איז געפֿאַלן טויט אַף אַן אָרט.

דער פֿאַסטעך איז אַרויסגעשפּרונגען פֿון הינטערן קוסט, צוגעלאָפֿן צו דער כײַע, ערשט ער גלויבט ניט זײַנע אויגן.

— וואָס זאָגסטו דערצו? געקומען שיסן אַ דאַקס-הונט און געפּאַקט גאָר אַ פֿוקס. ווען עס וואָלט מיר אָפּגעליקן אַזוי יעדן טאָג! פֿאַר דער פֿעל וועט מען גאַנץ היפּש באַצאָלן. און דו, פֿוקס, ביזט עס ווערט, פֿאַרקליבן זיך אין אַ פֿרעמדער שטוב און אַרײַנגעפֿאַלן!

ער האָט פֿאַרבונדן באַם פֿוקס די הינטערשטע פֿיס, אַרופֿגעוואָרפֿן אַף דער פּלייצע און אַוועק אין דאָרף.

און דער דאַקס-הונט האָט זיך אויסגעגראָבן אַ נײַע נאָרע, אין אַזאַ אָרט, וואָס קיינער וועט שוין ניט געפֿינען. ער האָט אָנגעשלעפּט אַ פֿולן שפּײַכלער מיט געשמאַקע קרײַטעכער, אַלע טאָג געוואַרעמט זיך אַף דער זון און געוואַרט גאַנץ רויק אַפֿן ווינטער.

---

# אַ פֿויגל—אַ גאַזלען.

אַף אַ הויכער סאָסנע, ווײַט פֿון דאָרף, האָבן צוויי הינער־שפּאַרבער אויסגעפֿלאָכטן אַ נעסט.

פֿון איין זײַט, וווּ דאָס אויג האָט נאָר געקאָנט כאַפּן, זײַנען געלעגן אויסגעשפּרייט מאָך־זומפּן און בלאָטעס. פֿון דער צווייטער זײַט האָט אַ ווילדער וואַלד זיך צעליינגט אַף אַסאַך וויאָרסטן, ווי אַ גרינער יאַם.

די זי האָט אויסגעלייגט אין נעסט פֿיר גרויסע אייער און אָנגעהויבן זיי אויסזיצן.

און דער שפּאַרבער איז אַוועקגעפֿלויגן זוכן עפּעס צום עסן.

קעדיי ער זאָל בעסער זען, איז ער אַרויפֿגעפֿלויגן זייער הויך. ער איז געפֿלויגן און באַקוקט די געגנט אונטער זיך.

עס האָט גאָרנישט ניט געקענט פֿאַרלאָרן גיין פֿון זײַנע גרויסע געלע אויגן, ער האָט אַלץ געזען: יעדן בוים, יעדן קוסט, יעדן פֿויגעלע און געדיכטן גראָז.

דער שפּאַרבער האָט אָבער ניט געוואָלט אײַנרייכטן די שאַרפֿע נעגל אָן בלוט פֿון קליינע פֿייגעלעך.

ער האָט געדאַרפֿט האָבן עפּעס אַ פֿעטערן ביסן, קעדיי אַליין זאַט ווערן און אויך אָנקאָרמענען די זי אין נעסט.

ער איז אַזוי איבערגעפֿלויגן אַ פֿינף וויאָרסט איבער די זומפּן. עס האָבן זיך געענדיקט די זומפּן, און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן וואַלד.

מיטאַמאָל זעט ער: אַ גרויס קנײַלכל איז שנעל דורכגעלאָפן איבערן לאָנקעלע אין װאַלד, אַרײַנגעשפּרונגען און פֿאַרטאַיעט זיך אין גראָז. דער שפּאַרבער האָט דערזען די לאַנגע אויערן פֿון אַ האָז. עס האָט באַ אים אָנגעהויבן קאָכן דאָס בלוט אין די אָדערן, אין די אויגן האָט אַ בליץ געטאָן אַ דאָרשטיק פֿײַערל, אָבער װי נאָר דער שפּאַרבער האָט צונויפֿגעלייגט די פֿליגלען, קעדיי אַראָפּצופֿאַלן, װי אַ שטיין אַף זײַן רויב, איז פֿון װאַלד אַרויסגעפֿאָרן אַ פֿור, און אין פֿור איז געזעסן אַ פּויער.



דער האָז האָט זיך ניט טויט ניט לעבעדיק צוגעטוליעט צום גראָז און איז פֿאַרגליווערט געוואָרן פֿון שרעק. נאָר אַף זײַן מאַזל האָט זיך דער שפּאַרבער דערשראָקן פֿאַרן פּויער, ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט די פֿליגלען און איז אַוועקגעפֿלויגן װײַטער.

באַם האָז איז אַראָפּ אַ שטיין פֿון האַרצן. ער האָט אַ שפּרונג געטאָן צום ברעג װאַלד און איז פֿאַרשוווּנדן צווישן די יאָדלעס.

און דער שפּאַרבער איז זיך געפֿלויגן און געטראַכט:

— ס'איז גאָרנישט! דער האָז וועט ניט אויסמײַדן מײַנע נעגל. ער איז נאָך איצטער מאָגער—הויט און ביינער. זאָל ער אַ ביסל אָפּעסן זיך, אונטערוואַקסן ביז האַרבסט, וועל איך אים דעמלט פּאַקן.

אונטן איז געלעגן אויסגעשפרייט דאָס דאָרף. דער וועג האָט זיִך געדרייט, וויִ אַ שוואַרצער שנור, און פֿון זייַנע ביידע זייַטן זייַנען געלעגן הייַזעלעך, וויִ שפּיִלצייַג.



אַרום יעדער שטוב איִן הויף האָבן זיִך אַרומגעדרייט היִנער, קאַטשקעס, און אויך גענדז.

דער שפּאַרבער האָט צונויפֿגעדריִקט די נעגל:

— אָט דאָ וואָלט מען געקאָנט אָפּעקן אַ ביינדל!

הויך איִבערן דאָרף האָט ער געמאַכט עטלעכע גרויסע קרייַזן, ער האָט דערזען וויִ אַ ווייַסע הון האָט זיִך פֿאַרקליִבן איִן גאָרטן.

קייַן מענטשן אַרום זעט מען ניִט. דער שפּאַרבער האָט זיִך גוט אָנגעציִלעוועט, צונויפֿגענומען די פֿליִגלען און זיִך אַ לאָז געטאָן אַף אונטן, וויִ אַ פֿייַל. בלויז אַ וויִנט האָט זיִך דורכגעטראָגן.

די הון האָט באַמערקט דעם סוינע, זי האָט אָנגעהויבן קוואָקטשען מיִט גאָר די קויכעס, ארומקוקן זיִך, ווּ געפֿיִנט מען דאָ

אַן אָרט זיך צו באַהאַלטן, און ווי אַף צולאָכעס, איז ניטאָ אַרום, ניט קיין קוסט, ניט קיין בוים.

האָט זיך די הון צוגעדריקט צו דער ערד פון שרעק.

דער שפּאַרבער האָט מער ווי דאָס ניט געוואָלט. ער איז אַרופּגעפאַלן אַף איר ווי אַ שטיין און זיך איינגעזויגן מיט די נעגל אין איר פּלייצע.

די הון האָט אָנגעהויבן שרייען שוין ניט מיט איר קאָל, און זיך גענומען צאַפּלען אין די שטאַרקע נעגל פונם שפּאַרבער.



עס האָט נאָך ניט געטראָפן, אַז עמיצער זאָל זיך אַרויסרייסן פון זיינע נעגל.

דער שפּאַרבער האָט אַ זעץ געטאָן די הון איבערן קאָפּ, האָט זי זיך שוין צונויפגעדרייט אַ טויטע.

בלויז די פליגלען האָבן נאָך געציטערט אין גסיסע-ווייען.

דער הינער-שפּאַרבער האָט אַ פּאָך געטאָן מיט די פליגלען און זיך אַ הויב געטאָן אינדערלופטן מיט זיין רויב.

בייס די מענטשן זיינען געקומען צולויפן אין גאָרטן, האָט אינדערלופטן געשוועבט נאָר דער ווייסער פוך פון דער הון, און פונם מערדער איז שוין קיין סימען ניט געבליבן.

---

און דעם שפּאַרבער איז שוין פון יענעם טאָג אָן געפעלן געוואָרן צו שלעפּן הינער פון די הויפן.

וואָס אַ טאָג—אַלץ אַ נייער פּאַרלוסט. דאָ פלעגט ער אָנפאַלן פון איין זייט דאָרף, דאָ פון דער צווייטער.

די ווייבער אין דאָרף האָבן געוויינט, געקלאָגט זיך פאַר די פויערים:

— עס האַלט שוין אַזוי, אַז מע קען אַ הון ניִט אַרויסלאָזן. האָסטו געזען—אַפּיִלע זומער זאָל מען דאַרפֿן האַלטן די היִנער אין קאָטוך?

די פּויעריִם האָבן אַראָפּגענומען פֿון די בוידיִמער אַלטע, פֿאַרראָסטעטע ביִקסן, אָפּגעסקראָבעט זיי, אַרומגערייניִקט מיִט זאמד, אָנגעלאָדן און אַוועקגעשטעלט אין וויִנקל שטוב. מע זאָל עס שטענדיִק האָבן אונטער דער האַנט.

און אין דאָרף האָט זיִך אָנגעהויבן אַ שיִסעריַי. וויִ נאָר דער שפּאַרבער פֿלעגט זיִך באַווייַזן ערגעץ אַפֿן היִמל, וויִ אַ שוואַרצער פּיִנטעלע,—פֿלעגט שוין עמיִצער אויסשיִסן. דאָס האָט מען געטאָן, קעדיי אָפּצושרעקן איִם—זאָל ער וויִסן, אַז מענטשן האָבן נאָך ביִקסן.

דער שפּאַרבער האָט זיִך אָבער ניִט שטאַרק געשראָקן פֿאַר דער שיִסעריַי, און איִנגיִכן האָט ער זיִך שוין איִנגאַנצן צוגעוואָינט. ער האָט גענומען שלעפּן היִנער אַפֿן אַלטן שטייגער. וואָס אַ טאָג פֿעלט אַ הון, אַ קאַטשקע, אָדער גאָר אַ קליין גענדזעלע.

און אַלץ אַזוי אומגעריִכט, בייס מע טראַכט שוין גאָר ניִט וועגן שפּאַרבער. ער טוט אַזוי אַ פֿאַל פֿון היִמל, וויִ אַ שטיין, אָדער פֿליִט פֿאָרזיִכטיק אַרויס פֿון אַהיִנטער די בוימער, כאַפּט אַרויס דעם פֿעטסטן אָף, מאַכט אָן אַ מעהומע צוויִשן די אויפֿעס, און געעקט אַן אייסעק!

און בייס די מענטשן קלייַבן זיִך אויס מיִט די ביִקסן, פֿליִט ער שוין מיִט זייַן רויב איִבערן וואַלד, ווייַט עפּשער אַף אַ האַלב וויאָרסט. דער שפּאַרבער פֿליִט אַזוי אָפּ אַ פּאָר וויאָרסט, זעצט זיִך שפּעטער אַראָפּ אַף אַ טרוקענעם בוים אין אָפֿענעם פֿעלד און

נעמט פליִקן דעם אָף. עס קומט אים צו הילף די זי פון נעסט און מע נעמט זיך צום מיטיק.

זיי צערייסן מיט די שנאָבלען און נעגל דעם אָף אַף שטיקלעך

און עסן אים אויף אינ־גאַנצן. אַפן גראָז אונטערן בוים בלייבט איבער אַ קופּע פעדערן, און אַמאָל אויך דער קאָפּ, אָדער די פיס מיט די ביינער. אַזוי כאַזערט זיך עס איבער יעדן טאָג.

נאָך דעם זאַטן מיטיק טוען די רויבער אַ פּאָך מיט די שווערע פליגלען און פליען אַוועק פון בוים.

זיי פליען איבערן זומפּ צו זייער נעסט. די זי זעצט זיך אַריין אין נעסט, ער לעבן איר—אַפן צווייג, און מע כאַפּט אַ זיסן דרעמל, איבערקאָכנדיק די עסנוואַרג.

עס פאַרגייט די זון, ווי אַ רויטער קויל׳ אַ הינטערן וואַלד. עס צינדן זיך אָן די העלע שטערן... די נאַכט וויקלט איין אין אַ שוואַרצן שלייער דעם וואַלד און די זומפּן.

אינדערפרי פליט ווידער דער רויבער אַרויס צו דער אַרבעט. אַמאָל בלייבט דער שפּאַרבער אין נעסט און דעמלט לאָזט זיך אַרויס די זי אַף יאַגד.

וויפל מאָל האָבן שוין מענטשן אַף זיי געלויערט, געשאָסן אַפילע, אָבער אַלץ אומזיסט.

דער הינער-שפּאַרבער איז שאַלקהאַפֿטיק און פֿאָרזיכטיק. ער ווייס, אַז ביקסן טרעפֿן ניט ווײַט, און נאָענט קריכט ער ניט.

פֿריער פֿאַר אַלץ פֿאָרשט ער אויס, קוקט זיך אַרום, צי עס זײַנען ניטאָ קײַן מענטשן אַרום, דעמלט ערשט וואַרפֿט ער זיך אַפֿן קאָרבן.

דאָרפֿישע ווײַבער האַלט ער ניט פֿאַר קײַן מענטשן. ער האָט שוין פֿון לאַנג באַמערקט, אַז ווײַבער טראָגן ניט קײַן ביקסן, דעריבער האָט ער פֿאַר זיי קײַן מוירע ניט, און עס טרעפֿט, אַז בײַ זיי אונטער דער נאָז גאַנוועט ער אַוועק אַ הון.

---

אין אַ דריי וואָכן אַרום האָבן זיך בײַ דעם הינער-שפּאַרבער אין נעסט אויסגעפּיקט אויפֿעלעך. אינגאַנצן נאַקעטע, הילפֿלאָזע זײַנען זיי אַרויסגעקראָכן פֿונעם שאָלעכץ. ניט נאָר, וואָס זיי האָבן אַף די פֿיס ניט געקאָנט אײַנשטיין, נאָר די קעפּ אַף די העלדזלעך האָבן זיך קוים געהאַלטן, אַלץ געשאָקלט זיך.

דעמלט איז פֿאַר די הינער-שפּאַרבער צוגעקומען נאָך אַ זאָרג. מע דאַרף דערנערן זיך אַליין און דערצו נאָך די אויפֿעלעך.

און די שפּאַרבערלעך זײַנען שטענדיק הונגעריק, זיי עפֿענען זשעדנע די מײַלכלעך און פּישטשען אַזוי לאַנג, ביז מע וואַרפֿט

זיי ניט אַרײַן עפּעס אַ שטיקל פֿלייש, שלינגען זיי אַראָפּ און פּישטשען ווײַטער אַזוי פֿון אינדערפֿרי ביז באַנאַכט.

איצטער האָט מען געמאַכט די אָנפֿאַלן אױפֿן דאָרף אַ דרײַ מאָל אין טאָג, און פֿון ביידע עקן מיטאַמאָל: יעדן טאָג האָבן געפֿעלט אַ צוויי הינער, אָדער אַ דרײַ הינדעלעך.

די ווײַבער האָבן געקלאָגט. די פּויערים מיט די ביקסן זײַנען געשטאַנען אױף דער וואַך גאַנצע טעג, און אַלץ אומזיסט—די הינער-שפּאַרבער פֿלעגן אַרויסגיין גאַנץ.

דאָ האָט די ביקס ניט אויסגעשאָסן, ווײַל דער פּיסטאָן איז פֿײַכט געוואָרן, אָדער דער שפּאַרבער איז שוין געווען צו ווײַט, און דער שראָט איז צו אים ניט דערפֿלויגן, אָדער דער לויערער אַליין האָט אײַנגעדרעמלט.

די מענטשן זײַנען געבליבן אָן קויכעס. מע ווייס ניט וואָס מע זאָל אָנהויבן צו טאָן. איז מען אַרויס אין וואַלד זוכן דעם נעסט, אָבער גיי געפֿין אים! דער נעסט איז ערגעץ פֿאַר עטלעכע וויאָרסט—אַ הינטער וועלדער און זומפּן.

דערווײַל האָבן זיך שוין די שפּאַרבערלעך באַדעקט מיט פֿעדערן און זײַנען שטײַפֿער געוואָרן. אָט באַלד וועלן זיי שוין אויך אַרויספֿליען פֿון נעסט. עס וועט זיך אָנהויבן אַזאַ גזלעוואַניע, אַז אין דאָרף וועט שוין קײַן איין הון ניט איבערבלײַבן אױף אַ רעפֿואָה.

---

דער שפּאַרבער איִז אַמאָל געפֿלויגן איִבערן זומפּ איִן דאָרף אַרײַן. ער איִז דערפֿלויגן ביִז דער לאָנקעלע, ווו ער האָט פֿריִלינג-צײַט באַמערקט דעם האָז.

ערשט ער זעט אַפֿן לאָנקעלע איִז אַרויסגעשפּרונגען אַ גרויסער האָז, זיי האָבן באַלד דערקענט איינע די אַנדערע.

דער האָז האָט געמאַכט פּלייטע. ער האָט אַוועקגעיאָגט, אַז נאָר דער ווײַסער עק האָט געפּיִנטלט פֿונדערווײַטן.

— דאָס מאָל האָב איִך איִם געפּאַקט—האָט באַשלאָסן דער שפּאַרבער.

ער האָט צונויפֿגעלייגט דיִ פֿליִגלען און איִז אַראָפּגעפֿאַלן, וויִ אַ שטיין, אַפֿן האָז, ער האָט איִם

שיִר ניִט אומגעוואָרפֿן. נאָר דער האָז איִז געווען שטאַרק און איִז וויִ עס איִז אַרויסגעקראָכן. ער האָט גענומען ציִען פֿיִס גלײַך איִן וואַלד אַרײַן. דיִ ריִטער שמײַסן דעם שפּאַרבער איִבערן קאָפּ, אָבער ער וויִל ניִט אָפּלאָזן זײַן קאָרבן, ווײַל עס איִז איִם באַפֿאַלן דיִ גיִריִקייט נאָך רויב.

דער האָז איִז אַרײַנגעשפּרונגען איִן דער וואַלד-געדיכטעניִש און דעם שפּאַרבערס קאָפּ איִז אַרײַנגעפֿאַלן איִן דיִ צווײַגן, דעמלט האָט זיִך דער האָז אַ ריִס געטאָן מיִט גאָר דיִ קויכעס און אַרויסגעריִסן זיִך פֿונם רויבער. דער שפּאַרבער איִז געבליִבן הענגען אַ דורשטיִקער מיִט שטיִקלעך פֿעל פֿון האָז איִן דיִ נעגל...

איינאָוונט האָט אַ פּאַסטעך געזוכט אין וואַלד אַ קו און האָט צופעליק געטראָפן דעם שפּאַרבער. ער האָט אַראָפּגענומען דעם רויב־פויגל פון צווייג און אַוועק אין דאָרף.

— סאָף גאַנעוו ליטליע—האָבן די פויערים געזאָגט. מע האָט אים צוגעבונדן צו אַ פלאָקן אין גאָרטן, קעדיי איבערצושרעקן די איבעריקע שפּאַרבערס.



צו מאָרגנס האָט דער פּאַסטעך באַמערקט אויפן הימל פיר יונגע שפּאַרבערלעך און איין דערוואַקסענעם. זיי זיינען געפלויגן ערגעץ ווייט.

און מער האָט מען זיי אין דאָרף שוין ניט געזען.

# אינהאַלט


זייט

אַ לופֿט־שלאָס . . . . . . 3

אַ קריגעריי אין גאָרטן . . . . 11

דאָס זומער־פֿייגעלע און די רייטער־פֿליג . . 22

שוועמלעך באַרימער . . . . . 32

דער פֿוקס און דער דאַקס־הונט . . . 40

אַ פֿויגל—אַ גאַזלען . . . . . 49